**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/21/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול שרייבט אונטער לעגיסלאציע צו פארזיכערן רעטייערמענט פלאן סעקיוריטי פאר פריוואטע סעקטאר באשעפטיגטע

***לעגיסלאציע (S.5395-A/A.3213-A) פארלאנגט פון פריוואטע סעקטאר באשעפטיגטע צו אויטאמאטיש איינשרייבן ארבעטער אין ניו יארק סטעיט׳ס סעקיור טשאויס סעיווינגס פלאן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן לעגיסלאציע צו פארזיכערן רעטייערמענט פלאן אפציעס פאר פריוואטע סעקטאר באשעפטיגטע. מיט׳ן פארלאנגען פון פריוואטע סעקטאר באשעפטיגטע וואס גיבן נישט פאר זייערע ארבעטער קיין רעטייערמענט פלאן אז זיי זאלן אויטאמאטיש איינשרייבן זייערע באשעפטיגע אין ניו יארק סטעיט׳ס ׳סעקיור טשאויס׳ סעיווינגס פלאן הייבט אונטער רעטייערמענט סעיווינגס אין א צוגענגליכע, נידעריגע קאסט און באוועגיגע אופן. באשעפטיגטע האבן די ברירה זיך אויסצוואלן נישט זיך צו באטייליגן אין דעם פראגראם ווען אוממער זיי ווילן.

"א טייל פון פארזיכערן אז ניו יארקער זענען פינאנציעל סטאביל איז צו גאראנטירן אז זיי האבן א פארלעסליכע רעטייערמענט פלאן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די לעגיסלאציע ערלויבט פאר אלע ארבעטער צו האבן א מאס פארלייכטערונג און זיכערהייט ווען עס קומט צו רעטייערמענט."

דער ׳סעקיור טשאויס׳ סעיווינגס פלאן, אוועקגעשטעלט אין 2015 דורך דער "ניו יארק סטעיט ׳סעקיור טשאויס׳ סעיווינגס פראגראם אקט", איז א זעלבסט-באזארגטע רעטייערמענט סעיווינגס פראגראם אין דעם פארם פון אן אויטאמאטישע איינגעשריבענע פעיראל דעדאקשען IRA. דער פראגראם ווערט אויפגעזעהן דורך די ניו יארק סטעיט ׳סעקיור טשאויס׳ סעיווינגס באָורד, וואס באשטייט פון ניין באשטימטע מיטגלידער. דער דעפארטמענט פון טעקס און פינאנץ וועט אויפזעהן די אנטוויקלונג און איינפירונג פון דעם פראגראם לויט׳ן באָורד׳ס איינזעהן.

**סענאטאר דיענע סאווינא האט געזאגט,** "עס זענען דא מיליאנען ניו יארקער וואס האבן נישט די זיכערע רעטייערמענט אבער דאס וועט מער נישט זיין דער פאקט און איך אפלאדיר גאווערנער האקול פאר׳ן אונטערשרייבן די פארברייטערטע NYS ׳סעקיור טשאויס׳ סעיווינגס פראגראם. יעדער מיינט ווען זיי זענען 22 אדער 23 אז זיי וועלן קיינמאל נישט זיין 52 אדער 53, זיי מיינען אלץ זיי האבן צייט זיך צו נעמען שפארן פאר רעטייערמענט. ׳סעקיור טשאויס׳ וועט צושטעלן פריוואטע סעקטאר באשעפטיגטע מיט אן אויטאמאטישע באוועגיגע וויהיקל פאר רעטייערמענט סעיווינגס וואס וועט העלפן פארזיכערן איינקונפט סעקיוריטי אין רעטייערמענט."

**אסעמבלי-מיטגליד ראבערט ראדריגעז האט געזאגט,** "אדאנק אייך גאווערנער קעטי האקול פאר׳ן מאכן דעם ׳סעקיור טשאויס׳ סעיווינגס פלאן א ווירקליכקייט. צו האבן דער ׳סעקיור טשאויס׳ סעיווינגס פלאן פאראהאן צו יעדן אויטאמאטיש וועט העלפן ענדיגן די אומגלייכקייטן אין ניו יארקערס פעאיגקייט צו שפארן פאר רעטייערמענט, וועלכס איז געצילט צו העלפן ארבעטנדע ניו יארקער זיך צוצוגרייטן פאר זייער צוקונפט — און זיי געבן דעם קאנפידענץ צו וויסן אז זיי קענען זיך אויסוועלן וויאזוי זיי ווילן וואוינען

אזוי ווי זיי עלטערן זיך מיט מער פינאנציעלע זיכערהייט. היינט צייכנט אפ א מאנומענטאלע און זיגרייכע טאג פאר׳ן צוקונפט פון די שווערע ארבעטער פון ניו יארק. דאס וואלט נישט מעגליך געווען אן די הילף פון מיינע מיטארבעטער סענאטאר דיענע סאווינא און AARP."

**AARP ניו יארק סטעיט דירעקטאר בעט פינקל האט געזאגט,** "גאווערנער האקול באקרעפטיגט מיליאנען ניו יארקער ארבעטער צו שפארן פאר א פינאנציעלע זיכערע און זעלבסטשטענדיגע רעטייערמענט — און אין דער זעלבער צייט געבן פאר קלענערע ביזנעסער א ווירקזאמע אופן צוצוציען און האלטן באשעפטיגטע. AARP אפלאדירט דער גאווערנער פאר׳ן אונטערשרייבן דעם ביל אלס געזעץ, און מיר דאנקען איר פאר איר שטיצע פון ׳סעקיור טשאויס׳ זינט בעפאר עס איז איינגעפירט געווארן אין 2018. מיר דאנקען אויך די ביל ספאנסירער, סענאטארקע דיענע סאווינא און אסעמבלי-מיטגליד ראבערט ראדריגעז, פאר זייערע אומערמידליכע ארבעט צו שאפן דעם פראגראם דורך איינפירן די ארגינעלע לעגיסלאציע און דעם ביל וואס איז איצט א געזעץ — און העלפן פירן זייביידע דורך דער לעגיסלאטיווע פראצעס."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן